גוט שבת אלע אידן. אין חודש סיון פון דעם יאר תש״נ האט ר׳ נחום רוזן (נישט זיין עכטע נאמען) אנגענומען די שטעלע אלס רב אין א קליינע שול ״דגל ישורון״ אין די קאנטרי אין ניו יארק. ווען ער האט מסכים געווען צו ווערן דער רב דארט, האט ער געוואוסט אז די קהילה איז נישט אזוי שטארק און רוב פון די אידן דארט זענען גאר עלטערע אידן. עס וועט זיין שווער אויסצוהאלטן א מנין יעדן טאג. צוואנציג יאר פריער איז דער שול ״דגל ישורון״ זייער אקטיוו געווען. עס איז געווען דעמאלט דעם צענטראל פון די קהילה אין יענע געגענט. אבער מיט די יארן זענען די אידן עלטער געווארן און אסאך פון זיי זענען געגאנגען וואוינען אין אנדערע פלעצער. רב רוזן האט געהאפט אז ער וועט קענען מעורר זיין די יונגערע חברה אין די שטעטל צו דערנענטערן זיך צו אידישקייט, און דורך דעם וועלן זיי אויפלעבן די אלטע קהילה.

איין טאג אינדערפרי האט רב רוזן באמערקט א פרישע פנים צווישען די מתפללים אין שול. רב רוזן איז איבערגענומען געווארן מיט גרויס שמחה צו זען אז ער האט ״געכאפט״ איינעם. דער יונגערער איד האט געהייסן ״ראבערט לעהמאן״ (נישט זיין עכטע נאמען). רב רוזן האט גערופן ראבערט צו די שיעורים וואס ער האט געגעבן אין שול, האפענדיג אז די תורה וועט אנצינדען א פייער אין זיין אידישן הארץ.

עס איז געווען אבער עפעס אינטערעסאנט וועגן ראבערט. די ערשטע וואך ווען ער איז געקומען אין שול, האט רב רוזן געזען אז ראבערט דאווענט אין די עזרת נשים, וואס פארשטייט זיך איז ליידיג געווען אין דער וואכן. ראבערט פלעגט שטייען אין בעק פון דער מחיצה, און דארט האט ער געדאווענט אליינס. רב רוזן האט געוואלט פרעגן ראבערט פארוואס ער פירט זיך אזוי. עס זענען געווען עטליכע 200 ליידיגע פלעצער אין די שול, פארוואס זאל ער דאווענען צעטיילט פון דער קהילה? אבער, רב רוזן האט גאר נישט געזאגט צו אים אין די ערשטע וואך, ווייל ער האט אים נישט געוואלט טשעפענען, גענוג איז עס געווען אז אזא איד קומט אין שול בכלל. רב ראזן האט געהאפט אז ראבערט וועט ברענגען אנדערע יונגערע חברה אויך.

רב רוזן האט זיך געוואונדערט און געטראכט, וואס וועט ראבערט טון אין שבת ווען די עזרת נשים וועט זיין אביסל פול? דעמאלט וועט ראבערט זיכער נישט קענען גיין דארט.

שבת אינדערפרי, האט רב רוזן געקוקט פון זיין פלאץ אויבן אן אין שול צו זען אויב ראבערט וועט קומען. דער בעל תפילה איז אנגעקומען צו ״ברוך שאמר״ און ראבערט איז נאך נישט אריינגעקומען. דאס איז געווען א פלא אין רב רוזן׳ס אויגן, ווייל ראבערט איז געקומען אזוי פונקטליך אין מיטן די ערשטע וואך וואס ער האט אנגעהויבן צו קומען דאווענען דארט.

פלוצלינג, האט רב רוזן באמערקט אז ראובערט איז ארויפגעגאנגען צו דעם אנדערע עזרת נשים אויפן צווייטן שטאק. יענע פלאץ האט מען נישט גענוצט יארן לאנג און עס איז געווען אינגאנצן ליידיג, אפילו שבת.

נאך שחרית, בעפאר קריאת התורה, איז רב רוזן שנעל ארויפגעגאנגען צום הויכן עזרת נשים. ווען ער איז ארויפגעגאנגן, האט רב רוזן געטראכט וואס ער וועט זאגן צו דעם בעל תשובה. ער האט געוואלט אים מוסרן, אבער ער האט נישט געוואלט אים באליידיגען. ער איז צוגעגאנגען צו ראובערט מיט א ווארעמע שמייכל. ״גוט שבת ראובערט, עס וועט זיין א זכיה פאר אונז טאמער דו וואלסט אראפגעקומען צו דאווענען צוזאמען מיט אונז! אזוי ווי דו זעסט, מיר האבן בערך 175 ליידיגע פלעצער!״

״או ראביי... דו מיינסט לכאורה אז איך בין א מאדנע מענטש ווייל איך דאווען דא אליינס. אבער אין אמת׳ן אריין בין איך גאנץ נארמאל. זעסטו, איך האב...״

פאר מיר גיין ענדיגן דעם מעשה, לאמיר אביסל רעדן וועגן מצוות שבין אדם לחבירו. וויבאלד אז מיר דערנענטערן זיך צו דעם יום הדין, דארפן מיר אלע מאכן זיכער אז מיר האבן מקיים געווען די מצוות שבין אדם לחבירו ווי עס דארף צו זיין. ווייל דער הייליגער רמב״ם זאגט ״עבירות שבין אדם לחבירו כגון החובל את חבירו או המקלל חבירו או גוזלו וכיוצא בהן אינו נמחל לו לעולם עד שיתן לחבירו מה שהוא חייב לו וירצהו.״ אומרעכט וואס איינער האט געטון צו א צווייטן למשל שעדיגען יענעם אדער פארשעלטן אדער גנבענען פון יענעם וכו׳, באקומט מען נישט קיין מחילה אויף דעם ביז מען גיבט צו יענעם וואס מען איז שולדיגט צו אים און מען בעט אים איבער אויך. (הלכות תשובה ב,ט)

אסאך מאל ווייסט נישט יענער אז א צווייטער האט אים בכלל געשעדיגט. מען קען אבער נישט מאכן זיך נישט וויסענדיג פון עבירות וואס מען האט געטון קעגן א צווייטן, ווען דער צווייטער ווייסט נישט וועגן דעם. למשל איינער האט געבארגט געלט פון א צווייטן, עס מאכט נישט אויס אז דער מלווה האט פארגעסן פון דעם געלט. א צווייטער משל קומט מיט די מצוה פון זיין מלמד זכות יענעם. ווען מען איז ח״ו נישט מלמד זכות זיין יענעם, באשאפט מען א קטרוג קעגן אים, דער אייבערשטער זאל אפהיטן. אויף דעם מוז מען אויך תשובה טון. הגם עס איז דא א מחלוקת צווישען די גדולי המוסר אויב מען מוז איבערבעטן איינעם וואס מען האט גערעדט לשון הרע קעגן אים אויב ער ווייסט נישט דערפון. אבער, א חסיד וויל נישט אפילו אריינגיין אין קיין ספק. נאר, ער טוט נישט קיין שלעכטס קעגן יענעם לכתחילה! לאמיר יעצט ענדיגען דעם מוראדיגען מעשה וואס וועט אונז מעורר זיין תשובה צו טון אויף די מצוות שבין אדם לחבירו, בעפאר דעם מוראדיגען טאג פון ראש השנה.

רב רוזן האט זיך שוין נישט געקענט צוריקהאלטן. ער האט געמוזט עפעס זאגן צו ראבערט וועגן זיין דאווענען עקסטרע. סוף כל סוף האט ראבערט עס מסביר געווען פאר רב רוזן: ״דו ווייסט פארוואס איך טו אזוי?״ האט ראובערט אונגעהויבן צו זאגן שטילערהייט. ״ווייל איך האב א געוויסע מחלה אין מיין אויגן,״ ל״ע, ״דאס מיינט אז איך קען נישט זען גוט, און איך ווערט אפילו באטראכט אלס א בלינדער מענטש! איך קען כמעט נישט ליינען די ווערטער פון די סידור. איבער די יארן האב איך פרובירט צו לערנען די ווערטער פון דאווענען בעל פה. איך זאג די ווערטער הויך כדי איך זאל וויסן וואו מען האלט אין דאווענען. וועגן דעם קען איך נישט זיצן נעבן קיינעם. ווייל הערן ווי זיי דאווענען אפילו נישט אזוי הויך שטערט מיר, און אויף דעם זעלבן אופן שטער איך זיי מיט מיין זאגן די ווערטער אזוי הויך. וועגן דעם, האב איך געדאווענט אין מיטן די וואך אין די עזרת נשים וואו ס׳איז ליידיג. די שבת האב איך נישט געהאט קיין ברירה און איך האב געמוזט דאווענען דא אויבן כדי נישט צו שטערן קיינעם.״

״נישט נאר דאס, ראביי״ האט ראובערט געזאגט ווייטער, ״אבער איך שטעל זיך פאר אז עס קען זיין אז דו האסט מיך געזען אין די גאס דורך די לעצטע וואך און דו האסט מיך באגרוסט פון ווייטענס מיטן שאקלן דיין קאפ וכו׳, און איך האב זיך געמאכט נישט וויסענדיג פון דיר. איך האב נישט געמיינט צו באליידיגען דיר, די זאך איז נאר אז איך האב דיך נישט געזען!״

רב רוזן האט זיך געשעמט און ער איז געווארן פול מיט חרטה. ״איך האב נישט געהאט קיין אנונג וועגן דיין מצב. איך האב זיך נישט אויפגעפירט מיט דיר ווי עס דארף צו זיין...״

״ראביי, דו זאלסט נישט שפירן אזוי,״ האט ראובערט געזאגט. ״דו האסט גאר נישט שלעכט געטון. ווי אזוי האסטו געקענט וויסן?״

דער יום הדין דערנענטערט זיך. מענטשן וואס מען האט באליידיגט מיט ווערטער, וואס מען טרעפט זיי אין שול ראש השנה, קענען מיר זיי איבערבעטן דעמאלט. אבער אנדערע וואס מען גייט נישט זען אין שול ר״ה אדער אנדערע וואס מען האט באליידיגט מיט געלט זאכן, קען מען שוין נישט צוריקבאצאלן אין ראש השנה אליינס, דעמאלט איז שוין צו שפעט. וועגן דעם מוז מען ענדיגען מיט אלע חשבונות שוין יעצט. דורך דעם וועלן מיר אלע זוכה זיין צו האבן א זיס יאר. **גוט שבת אלע אידן.**

## מזל טוב לכ״ק מרן אדמו״ר שליט״א לרגל שמחת לידת נכדיו לחתנו הרה״צ רבי יעקב יוסף האגער שליט״א

זכור צדקת רבי מאיר בעל הנס של מוסדות תולדות יעקב יוסף דחסידי סקווירא בארה״ק ת״ו

מזל טוב למוה״ר אברהם דוב מאיר בייער הי״ו לרגל שמחת לידת בנו

לע״נ ר׳ יעקב גרשון בן ר׳ שלמה ע״ה • לע״נ ר׳ יוסף שלמה בן ר׳ משה יעקב ע״ה ומרת מלכה דבורה בת ר׳ שמואל מרדכי ע״ה

לע״נ ר׳ פייוועל בן ר׳ אפרים ע״ה

נתרם לרפו״ש של מרדכי מנחם מענדל בן ציפורה יוטא, שאשא מלכה בת גאלדא, יהודה בן אסתר, משה דוד בן מרים בתשח״י

לע״נ אברהם בן ליפא ע״ה • לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי׳ וואלפבערג 3234–362 (845)

**כל המענג את השבת נותנין לו משאלות לבו (שבת קיח:) - נא לעיין דף זה לאחר התפילה**